בלומינג גראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינג גראָוו' והגלילות
אדר תשפ"ה
United Jewish Community
UJC
Est. 2019
of Blooming Grove

## ווילעדזש אדאפטירט באלאנסירטן בודזשעט פאר דעם קומענדיגן יאר אנע שטייער העכערונג




זייט 9

## ווילעדזש פייער דעפט. נייעס

זייט 6

## סי-די-אר-סי גיבט גרינעם ליכט פאר קימפעטאריין היים דקהל יטב לב ד'סאטמאר קרית יואל

זייט 8

## ווילעדזש שאטעל סערוויס אפדעיט

זייט 10



דעפארטמענט או פובליק ווארקס פארברייטערט עקזיסטירנדע גאראזדש

זייט 13

אפעלאט געריכטווארפט ארויס קלאגע פונעם פייער דעפארטמענט אקעגן ווילעדזש

זייט 15

מאונטען קארנער רוט 208 אפדעיט

זייט 13

## הרחבת גבולי הקדושה: היסטאריע - היימישע פלייש געשעפט




זייט 12

## אנקלאגע קעגן פערמיטן פון שכונת דברי חיים

זייט 11

## אונזער שטימע! צוריק מיט אן התחדשות!

זייט 2

עדיטאריעל:

# אונזער שטימע!

# צוריק מיט אן התחדשות!

ברוכים אתם לה' האַרציגע ברודער, גוטע שכינים און ידידים, תושבי העיר שיחי'!

ס'איז אונז א זכות, אן עהרע און א פריוועליגיע, נאכאמאל זיך צו באגריסן, ווידעראמאל זיך צו דורכשמועסן און ווידעראמאל צו ערשיינען רעגלסמעסיג מיט אונזער/ אייער "שטימע" אויסגאבע. די אינפארמאטיווע, ברודערליכע פלאטפארמע פון אונזער באליבטע בלומינג גראוו, וואס בליעט מיט אזא שיינקייט און שטאלץ, אין אלע הינזיכטן און אספעקטען, לשם ולתפארת ולתהלה.

אייגנטליך איז שוין פאראיבער א וויילע, זינט עס איז ערשינען די לעצטע "בלומינג גראוו שטימע" אויסגאבע, אויף פאפירענעם פארמאט, און ב"ה צוליב גוטע סיבות.

פארט אבער איז שוין א שטיקל צייט וואס מען הערט יא א פאדערונג און א פארלאנג צווישן אחים לדעה תושבי העיר, וועלכע דרוקן אוים זייער באגער צו הערן און זעהן די שיינע גריסן וואס טוט זיך אפ דאהי אויפן אריגינאלן פארמאט, בנוסף צו די וועכנטליכע קורצע אימעיל אפדעיטס וואס ווערן ארויסגעשיקט. דער ציבור און זייערע משפחות ווילן מיטהאלטן מהנעשה והנשמע, און ווילן וויסן מער וואס עס שפילט זיך אפ אין די קארידארן פונעם ווילעדזש, מען וויל באגלייטן די אנטוויקלונגען וואס פראגרעסירט דורך די "יו. דזשעי. סי." און די ווילעדזש באורד, און מען וויל האבן א נענטערן בליק און פארשטאנד אויף די פארשריט אין אלע הינזיכטן.

דבר בעתו מה טוב! שטייענדיג שוין פינף יאר זינט די ערשיינונג פון אונזער ערשטע "שטימע" אויסגאבע, חודש טבת שנת תש"פ. וואס האט זינט דאן ב"ה געשאפן היסטאריע און געטוישט די מאפע פון די היימישע בלומינג גראוו צום גוטן, כה יתן ה' וכה יוסיף.

שטייענדיג אין אזא צייט וואלט געווען העכסט אינטערסאנט צו ציטירן געציילטע פאראגראפן פון דעם "פארווארט", וואס איז בשעתו געדרוקט געווארן אין דעם ערשטן "שטימע" אויסגאבע, וואו עס איז אין געמאסטענע ווערטער געשילדערט געווארן די צילן און מטרה פון די דאן – פרישע ארגאניזאציע, די "יו. דזשעי. סי.", און איר וויזיע אויפ'ן עתיד:

"תושבי עירינו האבן זיך צונויף גענומען כאיש אחד בלב אחד צו שאפן א 'באורד', א קאמיטע, א וועד, צונויפגעשטעלט "פונעם ציבור – פאר'ן ציבור", יונגעלייט תושבי העיר וועלכע זאלן רעפרעזענטירן די צרכי העיר אלס די עוסקים באמונה פארצושטעלן אונזערע פארלאנגען פאר די רעגירונג און בכלל צו פארמירן – און אנהאלטן – א פאראייניגטע פראנט אין אלעם וואס איז נוגע די קאלעקטיווע צרכי העיר ותושבי' –".

"דער באורד איז געווארן אריינגעוועלט דורך רוב ציבור, און געקריגן די גוטהייסונג פון די גדולי הרבנים שליט"א פון אלע קהלות קדושות דאהי. וכל דבר גדול וקטן יעדע הינזיכט וואס פאדערט א דעת תורה ווערט מיט זיי דורכגערעדט, והן המה וואס זענען די מכריעים אין יעדע הלכה'דיגע און השקפה'דיגע הינזיכט וואס קומט אונטער אין די עבודת הקודש צו פארטרעטן די באדערפענישן פון תושבי בלומינג גראוו על פי התורה אשר יורוך".

"אין אט די אויסגאבע, וועלן די אנגייענדע אקטיוועטעטן קריגן די נויטיגע "שטימע", דער ציבור זאל מיטהאלטן מהנעשה והנשמע סיי וואס מ'האט שוין באוויזן



**„פנים חדשות באו לכאן". „דער שטימע" באקלאגט זיך שוין נישט, דער „שטימע" באדויערט שוין נישט...**

**מען האלט שוין ביים קומענדיגן שטאפל! אין בלומינג גראוו בלאזט א פאזיטיווע שטימונג פון פראגרעס, למעשה, טוהן, און אויפטוהן! א גייסט פון התחדשות און ענערגיע! ויקם השדה תקומה היתה לה!**

**דורכצופירן, סיי אנגייענדע פלענער און שתדלנות'ער און סיי אלגעמיינע פאזיטיווע אנטוויקלונגען מיט א באדייטנדן משמעות פאר די שטאט און אירע איינוואוינער".**

**„מיט אזא פעסטע, פאראייניגטע און דויערהאפטיגע 'שטימע' וועלן מיר ברצות ה' זיין דערפאלגרייך אינעם 'ועוד ידינו נטוי'".**

מיט די לאנגשטרעקיגע קאנקרעטע פלענער פארצובערייטן פאר אונז אלע: פאר אונז און אונזערע פאמיליעס; פאר אונז און פאר אונזערע קינדער; א פרעכטיגן עתיד פון הנאה און הרחבה, וואוקס און צופרידנהייט, בעזרת ה' על דרך הסלולה לנו מאת רביה"ק זי"ע".

בשעת די אויבנדערמאנטע שורות זענען געשריבן געווארן, איז גארנישט געווען פארזיכערט, בלומינג גראוור אידן זענען געווען אסאך „יחידים" אן קיין געהעריגער כח המאחד וואס זאל פארטרעטן די געברויכן פון יעדן אינדעווידואל. מען האט געליטן און נאכאמאל געליטן פון פיינטליכע באאמטע, און מען איז פאראיבער אומ'יושר'דיגע באהאנדלונגען אין יעדן אספעקט פון לעבן.

אודאי האט מען געהאפט, מען האט זיך פרובירט מחזק זיין, טראכטן פאזיטיוו, אז מיט'ן כח הרבים וועט מען זיכער עפעס לינדערן, עפעס פארלייכטערן די שוועריגקייטן, און כאטש טיילווייז זיך קענען אן עצה געבן מיט די אומשטענדן. מען האט געוואוסט אז דער כח פון א פאראייניגטע אחדות, דער כח פון גוט ברידערשאפט, איז גרויס און מאכטפול, מען האט אבער נישט געוואוסט עד היכן הדברים מגיעים...

**ווער האט דעמאלט גע'חלום'ט, ווער האט דעמאלט געגלייבט אין ווייטסטן דמיון אז בלויז קנאפע פינף יאר שפעטער, וועט מען שוין האבן דערגרייכט אזא אומגלויבליכע הצלחה, אזא סייעתא דשמיא? ווער האט זיך אפילו געקענט דוכטן דעמאלט אז די אלע ליידן און שיקאנירונגען דורך אונזערע ערוויילטע אינסטאנצן, וועלן מיט א קורצע צייט דערויף נישט זיין בלויז מער ווי נאך א בייזע קאשמאר וואס מען פארציילט שוין היינט אלס טייל פון די היסטאריע?**

והעולה על כולנה, דענסמאל, ווען אימער עס האט פאסירט סיי וועלכע שוועריגקייט: מען האט זיך אנגעשטויסן אין לעגאלע פראבלעמען; מען האט זיך געמוטשעט מיט די באהערדע; מען האט געברויכט בתי מדרשים און מקוואות; מען האט געדארפט פלאץ פאר ישיבות און מוסדות התורה והחינוך; לאקאלע געשעפטן צו קענען איינקויפן; גראסערי'ס; פיש און פלייש געשעפטן; א.א.וו. מען האט ערהאלטן אן אומבארעכטיגטע „ווייעלעישאן"; מען האט געהאט א פראבלעם מיט די טראנספארטאציע צו די מוסדות אין קרית יואל; א.א.וו. איז נישט געווען צו ווענדן זיך צו ווענדן. יעדער יחיד האט פרובירט דאס בעסטע לויט זיינע באגרעניצטע מעגליכקייטן אבער מען האט געטאפט א וואנט פון אומ'יושר און האס.

**אבער בזכות פונעם ציבור שזכות אבותיו מסייעתן, בזכות פונעם כח האחדות וואס האט זיך אזוי הערליך ארויסגעוויזן דורכאויס די גאנצע תקופה, און אודאי בכוחו ובזכותו של אותו זקן, רבינו הקדוש זי"ע, מייסד העיר קרית יואל המעטירה, שטייען מיר היינט ב"ה אין די בליענדע צייטן פון א נייע הערליכע עפאכע, אונטער א מלכות של חסד, א פריינטליכע היימישע ווילעדזש אדמיניסטראציע וואס ארבעט האנט ביי האנט צו ארויסהעלפן דעם רבים און יעדן יחיד, באגלייט מיט דעם פאראייניגטן כח העסקנות פון די "יו. דזשעי. סי.", וואס איז אויסגעשטיגן אלס אן אפיציעלע וואונדערליכע קערפערשאפט צו העלפן תושבי העיר מיט אלע זייערע געברויכן, און אנפירן מיט אלע אנגעלעגנהייטן פון א אידישע שטאט לשם ולתפארת.**

אמבעסטן קומט דאס טאקע צום אויסדרוק צווישן די בלעטער פון „אונזער שטימע" דעמאלט און היינט, עס געדענקט זיך גוט וויאזוי „דער שטימע" איז דאן בעיקר געווען געווידמעט אויף די פילזייטיגע תלאות, פלאג און עגמת נפש, וואס תושבי העיר זענען פאראיבער.

דאס גרעסטע טייל פון די נייעס, באריכטן און ארטיקלען זענען געווען געווידמעט צו באדויערן די לאגע, צו מטכס

עצה זיין אינאיינעם מיט'ן ציבור, וויאזוי זיך צו ספראווען מיט אלע שוועריגקייטן.

• • •

אבער ב"ה אז איצינד נאך אפאר שווערע אויסהארעוועדע יארן איז גענצליך "פנים חדשות באו לכאן". "דער שטימע" באקלאגט זיך שוין נישט, דער "שטימע" באדויערט שוין נישט...

מען האלט שוין ביים קומענדיגן שטאפל!

**אין בלומינג גראוו בלאזט א פאזיטיווע שטימונג פון פראגרעס, למעשה, טוהן, און אויפטוהן! א גייסט פון התחדשות און ענערגיע! ויקם השדה תקומה היתה לה!**

עס גייט נישט פאראיבער קיין טאג וואס עס ווערן נישט געטון וויכטיגע שריט צו העלפן און צעמענטירן דעם גליקליכן עתיד פונעם שטאט. עס גייט נישט פאראיבער קיין וואך, וואס עס ווערט נישט דורכגעפירט פרישע נאבעלע פעולות למען הכלל והפרט, צו געבן פאר אונז אלע תושבי העיר, א רואיגן צופרידענעם לעבנסשטייגער, מיט די ריכטיגע ערנסטקייט, געטריישאפט און תורה'דיגע הוראה, בסייעתא דשמיא.

**באזוכער אין בלומינג גראוו רייבן זיך די אויגן ווי עס שפראצן ארויס אויף כמעט יעדע גאס הערליכע רחבות'דיגע אידישע דירות, אויג-פארכאפנדע בתי מדרשים, מיט ערליכע רבנים און דיינים, מיט ווירבלנדע צענדליגע מנינים שחרית, מנחה און מעריב יעדן טאג, מיט הערליכע מקוואות, מיט היכלי התורה און שיעורי התורה ליחיד ולרבים, ווי אויך היימישע געשעפטן און ביזנעסער וואס פארשעמען נישט די היינטיגע פארגעשריטענע ביזנעס וועלט, פילע חסידישע און היימישע ישיבות ותלמודי תורה ובתי חינוך און כוללים האבן דייקא אויסגעקליבן בלומינג גראוו אלס זייער אכסניא של תורה און ברענגען דאדורך דעם 'כח התורה והיראה' אלס פעסטע שמירה מעולה און ברכה פאר די שטאט.**

אודאי פאסירט נישט אלעס גלייך אויפ'ן ארט. עס פארשטייט יעדער בר דעת אז א ווילעדזש וואו יעדע געזעץ איז געווען אויסגעשטעלט מיט א דירעקטן ציל צו ענג מאכן פאר די אידישע איינוואוינער, א ווילעדזש מיט אן אינפראסטראקטור פון א דריטע וועלט לאנד, און א ווילעדזש וואס איז איינפאך געשלאפן אין א פאראליזירטע צושטאנד דורכאויס אלע יארן, קען נישט אלעס ווערן איבערגעדרייט און דורכגעפירט איבערנאכט.

זאכן נעמען נאטורליך אסאך צייט, אפטמאל אסאך מער צייט ווי מען קען זיך פארשטעלן מען דארף דורכגיין צענדליגער שטאפלן ביז מען דערגרייכט רעזולטאטן, איבערהויפט ווען עס דארף ווערן גענומען אין באטראכט אלע לעגאלע קאנסעקווענצן און פאליטישע מאכינאציעם בהשכל ובדעת.

**אבער דאס איז אמאל זיכער אז דער הערליכער צוקונפט פון בלומינג גראוו איז היינט פאר יעדן קלאר, א "וועלט'ס - וואונדער" וואס ווערט באטראכט דורך אלע היימישע געגנטער מיט אפענע קנאה, וויאזוי מען לעבט אזוי שיין אלעס אינאיינעם, און וויאזוי יעדער איינוואוינער האט כסדר הנאה פון דעם געוואלדיגן כח הציבור, וואו יעדער "יחיד" איז א גלייכער טייל אין דעם געבענטשן "רבים", מיט דער באגלייטונג און ברכה פון די חשוב'ע רבני העיר שליט"א, אלעס בכוחו ובזכותו של אותו זקן מרן אדונינו רבינו הקדוש והטהור זיעועכי"א.**

און דאס, טייערע אידן, איז טאקע אונזער ציל, אינערהאלב "דער שטימע" רעדאקציע: צו ברענגען פאר'ן ציבור תושבי העיר די אקטועלע "אפדעיטס", די אנגייענדע פארשריט און אנטוויקלונגען, וועלכע שפילן זיך אפ ביי אונז אין דער שטאט. באגלייט מיט פרישע ארטיקלען און נייע קאלומס צו ערקלערן די דעטאלן און פרטים פון די וויכטיגע שתדלנות וואס ווערן געטון אויף פארשידענע צענטראלע פראנטן, אז מיר זאלן אלע קענען באגלייטן די שיינענדע הצלחה און מיטהאלטן די פילזייטיגע שריט, למען טובת בני העיר.

מיר האפן אז איר וועט געניסן פון די פובליקאציעס, און געוויס קוקן מיר ארויס מיט האפענונג און תפלה אז מיר זאלן האנט-ביי-האנט זוכה זיין צו זען הצלחה במעשי ידינו, באחדות ואהבה ואחוה ושלום ורעות פאר'ן עתיד פון אונזער שטאט, לעשות חיל למענינו ולמען דורותינו, עד ביאת הגואל באנפין נהירין ובחדוותא עילאה בב"א!

**אבער דאס איז אמאל זיכער אז דער הערליכער צוקונפט פון בלומינג גראוו איז היינט פאר יעדן קלאר, א "וועלט'ס - וואונדער" וואס ווערט באטראכט דורך אלע היימישע געגנטער מיט אפענע קנאה, וויאזוי מען לעבט אזוי שיין אלעס אינאיינעם, און וויאזוי יעדער איינוואוינער האט כסדר הנאה פון דעם געוואלדיגן כח הציבור, וואו יעדער "יחיד" איז א גלייכער טייל אין דעם געבענטשן "רבים", מיט דער באגלייטונג און ברכה פון די חשוב'ע רבני העיר שליט"א, אלעס בכוחו ובזכותו של אותו זקן מרן אדונינו רבינו הקדוש והטהור זיעועכי"א.**

# Your Listings

## In South Blooming Grove, Monroe NY

Selling/Buying:
**Private Homes**
**Multi-family**
**Vacant Land**
**New Construction**
**Offices,** Sales & Rentals
and surroundings

# הערליכע
## גאר באַטעמטע רחבות'דיגע
# אויסשטעל

# עס בויעט זיך אין בלומינג גראוו

אויף א נאבעלע **דעד-ענד גאס** מיט א ביהמ"ד, מקוה,
אויפן פלאץ, אין צענטער פון געגנט ווי עס שפראצן
ארויף פילע שיינע נייע הייזער ארום און ארום
רוב הייזער אויף די **סאן-אנטאניע** גאס ווער ווערן
אויפגעבויעט פונדאסניי אין קומענדיגן יאר בס"ד

9 San Antonio

Right side Up & down still **Available**
Left side Up & down & 1'st level **Reserved**

איר באצאלט פאר
**3180 ס"פ**
**$900,000**
און באקומט פאר אייער געלט
**נאך 600 ס"פ**
גאנץ אויבן פאר סטארעדזש באנוץ א.ד.ג.
**נאר 1 עוועליבל**





**CHAIM GLUCK REALTY**
eRealtyAdvisors
Licensed Real Estate Salesperson
**845-587-5870**
sales.cgluckrealty@gmail.com




# ווילעדזש פייער דעפארטמענט נייעס

אין די פארגאנגענע וואכן האבן די ערשטע 13 וואלונטירן גראדואירט פון די אראנדזש קאונטי פייער טרעינינג סקול, ווי יעדער איינער איז אריבער די BEFO "בעסיק עקסטיריאר פייער אפעראציעס" עקזעם פולשטענדיג און הונדערט פראצענטיג, מיט עקספערטיז און מיט אלע קוואליפיקאציעס.

די וואלונטירן וועלן אצינד ווערן טרענירט די EVOC קורסן ווי זיי וועלן זיך ערשטהאנטיג באקענען מיט די אפעראציעס פון די מאסיווע פייער ענזשין פאמפס און ווי אויך צו דרייוון דעם פייער טראק מיט איבער טויזנט גאלאן וואסער אונטער עמוירדזשענסי מצבים.

אין די איצטיגע טעג טוט מען אויסשטאפירן די דעפארטמענט מיט טוירן-אוט געצייג, סעלף-קאנטעינד אטעם אפאראטן און פילצאליגע וויכטיגע עקוויפמענט וואס די פייערלייט טראגן אויף זיך.

אין די קומענדיגע וואכן, ווי נאר אלעס וועט זיין הונדערט פראצענטיג אין פלאץ, וועט אפיציעל אנאנסירט ווערן די עפענונג פונעם דעפארטמענט און ווי אויך די נומער צו קענען אריינרופן אין צייט פון נויט.







# ווילעדזש פייער דעפארטמענט באקומט דעליווערי פון "שנעלע ריספאנס" טראק

צו די זעלבע צייט האט די פייער דעפארטמענט באקומען די דעליווערי פון די לאנג ערווארטעטע "רעפיד ריספאנס טראק".

אין די וואכן טוט די דעפארטמענט אויסשטאפירן דעם טרעקל מיט גאר וויכטיגע און פארגעשריטענע עקוויפמענט און עס מאכן גרייט אריינצוגיין אין סערוויס, און בשטו"מ וועט די פייער דעפארטמענט ווערן אקטיוויזירט.

עס ווערט אויך אצינד פולקאם פארענדיגט די נייע פייער ענדזשין טראק, ווי מען האלט אינמיטן צוזאמשטעלן די פארשידענע טיילן און אפאראטן פון די ענדזשין און עס איז ערווארטעט פארטיג צו ווערן ביז א חודש בשעה טובה ומוצלחת.











# נעמט אין אכט!

מיר טוען דערמאנען אז:

## אין די ווינטער חדשים איז נישט ערלויבט צו פארקן אויף די ראודס

### נאר בלויז אין די דרייוועיס

### בתי מדרשים

א ספעציעלע פערמיט איז דא פאר בתי מדרשים
צו קענען פארקן פארנט פונעם בנין
בלויז אויף די זייט פונעם בנין הבית מדרש!

### מסיבות/שמחות

איידער איר מאכט א מסיבה/ שמחה און איר
ערווארט געסט, - נעמט ארויס א פערמיט
אין ווילעזש האל פאר א פארקינג ערלויבעניש
אויף די זייט פארנט פון אייער הויז

**גלייכצייטיג טוען מיר דערמאנען אז א גאנץ יאר**

ביי סיי וועלכע פארזאמלונג פון מערערע קארס איז בלויז ערלויבט צו פארקן

## בלויז אויף איין זייט פונעם ראוד

דאס פארקן אויףביידע זייטן פונעם ראוד, פארשווערט די טרעפיק, און מאכט
אוממעגליך פאר עמערזשענסי וויהיקעלס און סקול באסעס אריבערצופארן!

## די פאליצייי וועט פארטיילן טיקעטס פון געלט שטראפן פאר פארלעצער

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע

**ווילעזש דעפארטמענט אוו טרענספארטעישאן**

# סי-די-אר-סי גיבט גרינעם ליכט פאר קימפעטארין היים דקהל יטב לב סאטמאר קרית יואל




דער גראנדיעזער קימפעטארין היים איז געפלאנט געבויעט צו ווערן אויפן גרויסן שטח וואס די קהילה האט אפגעקויפט אויף פעדלער היללר ראוד, דער מאסיווער קאמפלעקס נעמט אויף אריין צוויי קלענערע שמחה זאלן.

דער סייט פלען שטעלט פאר א געביידע פון ארום 66 טויזנט סקווער-פיס, אויף צוויי שטאקן, ווי אויך 150 פארקינג ערטער פאר באזוכער און שטאב, אויסגעשפרייט אויף זיבן אקער לאנד.

דער פראיעקט ווערט געפירט דורך די אלעמען באקאנטע "ליוולענד גרופע" וואס זענען ברייט באקאנט מיט זייער עקפערטיז צו בויען גרעסערע פראיעקטן מיט בליציגע שנעלקייט.

די "ליוולענד גרופע" איז שוין היינט א ברענד נעים דאהי, ווי דער עולם האלט מיט טעגליך די פארשריט ביים "איילענד טיים שאפינג צענטער" פראיעקט, וואס ווערט געבויעט דורך די גרופע אויף ראוט 208.

דער קימפעטארין היים פראיעקט שפאנט אצינד ווייטער צום קומענדיגער שטאפל צום ווילעדזש פלעניגנ באורד ווי עס ווערט ערווארטעט דער ענדגילטיגער סייט פלען עפראוועל ביז עטליכע וואכן.

# זומער הייזער אייגענטומער: וויכטיגע דערמאנונג פאר די ווינטער מאנאטן



מיר ווילן דערמאנען די אלע וואס האבן הייזער אינעם ווילעדזש וואס זענען נישט באוואוינט דורכאויס די ווינטער מאנאטן און ווי אויך הייזער וואס שטייען גרייט פאר דעמאלישן און קאנסטרוקציע, צו ווינטערייזן די הייזער.

עס האט שוין פאסירט עטליכע מאל אין די פארגאנגענע וואכן, ווי הייזער זענען נישט געווען ווינטערייזט און די פייפס האבן געפלאצט, וואס האט געברענגט אויסטעלליגע שאדנס פאר די היים אגענטומער און ווי אויך פאר די ווילעדזש, ווי יעדע טראפ וואסער איז גאר טייער און מען פארלירט טויזנטער גאלאנען וואסער ביי יעדן אזא פאל.

**התורה חסה על ממונם של ישראל!**

# ווילעדזש אדאפטירט באלאנסירטן בודזשעט פאר דעם קומענדיגן יאר אנע שטייער העכערונג



דעם פארגאנגענעם דעצעמבער האט דער ווילעדזש אדאפטירט דעם נייעם בודזשעט פאר היי יאר 2025 למספרם.

דער בודזשעט איז היפש געהעכערט געווארן פון די פארגאנגענע יארן, צוליב די אויסברייטערונג פון ווילעדזש סערוויסעס און די פארמערטע אויסגאבן און ווי אויך צוליב די העכערע קאסטן פון סערוויסעס און מאטריאל.

מיט דעם אלעם איז ארייגעלייגט געווארן פיל ארבעט דורך די ווילעזדש באאמטע און די פינאנציעלע שטאב אז עס זאל בעזרת השם יתברך נישט זיין קיין שטייער העכערונג פארן ציבור.

מען איז איבערגעגאנגען יעדע איינציגע אויסגאבע פונעם פארגאנגענעם יאר און שוקל געווען צו דאס פעלט אויס.

פון איין זייט האט מען צוגעלייגט נייע אויסגאבן, א שטייגער ווי פאנדס אויסצוהאלטן די טעגליכע אפעראציעס פונעם פייער דעפארטמענט וואס איז געפלאנט צו גיין אקטיוו ביז געציילטע וואכן, און נאך.

פון די צווייטע זייט האט מען געשניטן אויסגאבן ווי למשל די שאטעל סערוויס וועלכע קען זיך דערווייל נישט דעקן פון די קליינע צאל רייזנדע און איז נאכנישט גע'פאנדעט דורך רעגירונג גרענטס.

די ווילעדזש ערווארט צו באקומען בעזהשי"ת די פאנדינג פאר די שאטעל באס אין די קומענדיגע שטיק צייט, וואס וועט העלפן דאס רעדוצירן דעם בודזשעט און צוריקזעצן די באסעס אויפן ראוד.

דער מציאות אז ברוך השם די שטאט ווירבלט מיט פרישע דירות און קאמערציעלע בנינים וואס העלפט צו מיט שטייער איינקונפט און אראפצוהאלטן דעם שטייער ביל פאר יעדן יחיד.

ברוך השם ווי עס פארמערט זיך מידי שבוע ושבוע נייע תושבים דאהי כן ירבו, לייגט עס צו איינקונפט אויפן קאלעקטיוון שטייער ביל פון וואס יעדער תושב שניידט די פירות.

אין א זייטיגע קרישקעלע וואס ברענגט ארויס דעם אחריות'דיגן צוגאנג פון די ווילעזש פירערשאפט צו האלטן די הוצאות איינגעצוימט, איז אינטערעסאנט אנצומערקן דעם חילוק ווען עס קומט צו שטייער, ווען אין די ארומיגע מוניצופאליטעטן האט מען היי יאר דראסטיש געהויבן די שטייערן, צום ביישפיל: טאון אוו בלומינג גראוו 6.85%, טאון אוו מאנראו 11%, טאון אוו טשעסטער 20%, ווילעזדש אוו וואשינגטאנוויל 21%.

ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער
און אימעיל אדרעס

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסייענען צו באקומען די יו. זשעי. סי. טעקסט, אימעיל, און טעלעפאן אלערטס און אפדעיטס

# ראולינג הילס קאנדאמיניאום באורד באערט מיט סיטיזענס און די יאר אווארד




פארגאנגענעם חודש, האט די ווילעדזש געשאנקען די "סיטיזענס פון די יאר" באעהרונג פון 2024, פאר די ראולינג הילס קאנדאמיניאום באורד, אלס אנערקענונג און הכרת הטוב פאר זייער שיינע באשטייערונג און מיטהילף מיטן ענדיגן די נייע "קינדערלאנד פארק" וועלכע שטייט צום באנוץ פאר אלע איינוואוינער פונעם שטאט.

דער ווילעדזש האט זיך אויך באדאנקט פארן באורד פאר זייער פארשטענדעניש און אויפמערקזאמקייט צו די גדרי הצניעות פון אחינו בני ישראל צו פארזיכערן אן אויסגעהאלטענע סביבה בגשמיות וברוחניות.

# ווילעדזש שאטעל סערוויס אפדעיט

אין די פארגאנגענע וואכן איז דער ווילעדזש "שאטעל" טראנספארטאציע פראגראם געלייגט געווארן אויף פויזע, צוליב וואס ווי עס שטעלט זיך ארויס איז נאך איבער א יאר פון אפערירן דעם פראגראם, און טראץ פילע פארבעסערונגען, צוגעלייגטע שעות און סקעדזשועל טוישונגען נאכבישט פארהאן גענוג רייזענדע אויף די שאטעל, אז עס זאל זיך קענען אויסהאלטן פון זיך אליין און מען האט יעדע איינציגע וואך געברויכט צולייגן גרויס געלט צו קענען אנגיין מיטן סערוויס.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז דער שאטעל האט דערווייל אפערירט מיט פאנדינג פונעם בודזשעט אנע עקסטערע פראגראמען וואס דאס איז א גרויסער פינאנציעלער לאסט פאר די שטייער צאלער.

דער ווילעדזש ארבעט שוין פאר א שטיק צייט ארויפצוגיין אויף די "טראנזיט אראנדזש" פראגראם, וועלכע ברענגט פאנדינג פון די סטעיט און די קאונטי, צו דעקן דעם גרעסטן טייל פון די שאטעל בודזשעט, און די איבריגע אויסגאבן דארף זיך דערנאך קענען אליינס דעקן פון איינקונפט פון די רייזנדע, אבער ארויפצוגיין אויף דעם פראגראם איז א לענגערע ביוראקראטישע פראצעדור, און די ווילעדזש קאנסולטאנט גיבן איבער אז דאס קען נאך נעמען לאנגע מאנאטן ביז עס וועט ווערן הונדערט פראצענטיג מסודר און די פאנדן וועלן אנהייבן אריינקומען.

ביים געוועזענעם בודזשעט סעזאן, ווען מען מאכט דעם יערליכן דין וחשבון אפצושפארן יעדן לעצטן דאלאר און צענט, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער שאטעל איז לעזל ולמשא און איז א איבריגע לאסט פון עטליכע הונדערט טויזנט דאלער א יאר פאר די ווילעדזש שטייער צאלער, און איז באמת נישט קיין יושר אז דער ציבור זאל דאס דארפן טראגן, ווען די שאטעל קען זיך נישט אליינס אויסהאלטן לכה"פ אויף 50 פראצענט און אפילו ווייניגער.

דער ווילעדזש באורד האט געטון דאס אחריות'דיגע שריט און "דערווייל" סוספענדירט דעם שאטעל סערוויס, דערביי שפארנדיג איבער 300 טויזנט דאלער פער יאר פאר די שטייער צאלער.

צו די זעלבע צייט זיצט מען נישט מיט פארלייגטע הענט און די ווילעדזש ארבעט אויף עטליכע מהלכים און מיט אנדערע אפערירער, צו זען ווער עס קען אריינקומען אויף דערווייל און אנפילן דעם לאך פון טראנספארטאציע סערוויס וואס האט זיך געשאפן.

הרשעים כים נגרש השקט לא יוכלו!

# אנקלאגע קעגן פערמיטן פון שכונת דברי חיים

אין א פארצווייפלטע און יאוש'דיגע שריט, האט די טאון שוין נאכן אויספענדן אונזערע אפגעהארעוועטע שטייער געלטער, און פארשלעפן דעם פראיעקט פאר פופצן יאר, און נאכן פראבירן יעדע סארט שפיצל און מהלך וויאזוי זיי זאלן קענען אפשטעלן דעם דברי חיים דעוועלאפמענט, האט די טאון פרובירט נאכאמאל אולי און אפשר וועט דאס זיי דאס מאל געלונגען, האבן זיי פאריגן חודש אריינגעגעבן אן ארטיקל-78 קלאגע, דאס מאל אקעגן דער ניו יארק סטעיט די.אי.סי.

נאך וואס זיי האבן שוין אויסגעבלוטיגט און אויסגעמוטשעט די דעוועלאפערס און נאך וואס די דעוועלאפערס זענען נאכגעקומען יעדע משוגעת און יעדע קלייניגקייט וואס איינער האט נאר געקענט אויפקומען און אויסטראכטן, פון די אלע שיקאנירונגען און משוגעת'ן, פרובירן זיי דאס מאל א נייעם מהלך דורכ'ן רופן דער סאמע די.אי.סי. פון ניו יארק סטעיט צום געריכט, אז היתכן זיי האבן געהאט די חוצפה און די העזה פון געבן די פערמיטן פאר די דעוועלאפמענט וואס וועט בעזרת השם יתברך סערווירן אחינו בני ישראל.

די אנקלאגע איז לעכערליך, לאכעדיג און נער'יש, אבער איז דאך אין א פארצווייפלטע "פן ירבה" פרואוו, אפשר דאך וועט מען קענען פארשלעפן דעם דעוועלאפמענט נאך אביסל לענגער און עס כאטש קורצליך אפהאלטן פון קענען ווערן פארווירקליכט צו א מציאות.

ברוך השם, אין דעם עבר, האבן די בעלי בתים פון די דעוועלאפמענט, נאכגעקומען יעדע קלייניגקייט וואס מען האט זיי נאר געבעטן, זאכן וואס האבן זיך ממש נישט געלייגט אויפן שכל און בעזהשי"ת איז ערווארטעט אז דאס מאל אויך, וועט די בלאקירונג אוועקגיין און וועט נישט שטערן די הרחבת גבולי הקדושה דא אין שטאט.

רשעים אפילו על פתחו של גיהנום אינם חוזרים! עס ברויך דערמאנט ווערן, אז דער וואס טוט אנקלאגן דער די.אי.סי., איז נישט קיין אנדערער ווי דער טרויעריג בארימטער בלומינג גראוו טאון סופערווייזער ראבערט דזשעראלאמאן, וואס ער איז געווען דער ארכיטעקט פון דעם מייסטער פלאן, וויאזוי אפצוהאלטן אחינו בני ישראל פון די אומגעגנט, ווען ער איז געווען דער סאמע גרינדער און ערשטער מעיאר פונעם ווילעדזש און סאוט בלומינג גראוו, וואס דאן איז עס געווען מיט דער געדאנק אפענערהייט, אז דורכ'ן גרינדן דעם ווילעדזש, וועט עס בעזהשי"ת אפהאלטן די וואוקס פון אחינו בני ישראל דאהי.

אבער ברוך השם ווי מיר ווייסן שוין, איז מקוים געווארן דעם "הנה בית המן נתתי למרדכי" און עס איז געפאלן "רבים ביד מעטים וטמאים ביד טהורים ורשעים ביד צדיקים", ווי ברוך השם יעדער קען מעיד זיין אז די ווילעדזש וואס אט דער יעניגער האט געגרינדעט טוט וואקסן און בליהען יעדן טאג ברוחניות מיט בתי מדרשים, ישיבות, מקוואות, תלמידי תורה, און בגשמיות מיט פרישע אידישע הייזער, אידישע געשעפטן, וכו', און בעזהשי"ת וועט מען דאס אויך אדורכקומען.

**ובשם השם נעשה ונצליח!**

# ווייכטיגע דערמאנונג - קאוד ענפארסמענט

אין די איצטיגע טעג ווי עס איז פארהאן שנייאיגע וועטערס בפרט - און דורכאויס די ווינטער מאנאטן בכלל, איז וויכטיג צו דערמאנען דעם ציבור אריינצונעמען די מיסט קאסטנס ווי נאר מען נעמט אפ די מיסט יעדן מאנטאג און דאנערשטאג, אזוי אויך אז אויטאס זאלן נישט פארקירן אויף די ראודס, עס שאפט פראבלעמען פאר די שארער-טראקס, ווי זיי קענען נישט טאן זייער ארבעט בשלימות און עס איז א סכנה, ווי אויך טוט דאס היפש פארלענגערן די צייט וואס עס נעמט צו שארן און רייניגן די ראודס.

חוץ מזה איז עס א דירעקטער גורם פאר ביטול תורה דרבים, עס נעמט פיל לענגער פאר די באסעס פון אונזערע צאן קדשים צו ענדיגן די ראוטס.

צו די זעלבע צייט דערמאנען מיר דעם ציבור, אזוי ווי נאך יעדע גרויסע שניי מאכט זיך אז פאסט קעסטלעך ווערן צומאל אראפגעקלאפט דורך די שארער טראקס, זאל מען אריינרופן אין די ווילעדזש האל, אויף 845-782-2600, און לאזן א קלארע מעסעדזש מיט די ווילעדזש קלורק, די ווילעדזש וועט עס דאן פארריכטן ווי אמשנעלסטנס, פריי פון אפצאל.



# הרחבת גבולי הקדושה

# היסטאריע - היימישע פלייש געשעפט




עס איז אונז א פרייד צו מעלדן די געוואלדיגע אנטוויקלונג אין הרחבת גבולי הקדושה, ווען בעזהשי"ת ובשעה טובה ומוצלחת איז דעם חודש געעפנט געווארן די סאמע ערשטע היימישע פלייש געשעפט דאהי.

עס איז א היסטארישע דורכברוך ווען ברוך השם מען קען שוין היינט אלעס קויפן לאקאל, אבער אין די קאטאגאריע פון פרישע פלייש בתכלית הכשרות איז שטענדיג געווען אן אפהאלט, ווי איינוואוינער האבן געברויכט אריינפארן אין שטעטל צו איינקויפן פלייש, אדער האט מען געברויכט ווארטן א לענגערע ווילע ווילאנג די פלייש דעליווערי איז ערשינען.

כמעשהו ביים ערשטן סופערמארקעט דאהי, האט די יו. זשעי. סי. אויפן פארלאנג פונעם ציבור אויך יעצט זיך אריינגעלייגט דערינען, סיי מיטן העלפן פארשאפן דעם פלאץ פאר די פלייש לאקאל, און סיי צו ארלעדיגן די פארשידענע לעגאלע ענינים מיט די ווילעדזש באאמטע וואס איז נוגע צו עפענען דעם געשעפט און עס באגלייט ביזן ארויסקומען מכוח אל הפועל פאר די באקוועמליכקייט פון די איינוואוינער.

דער פלייש געשעפט קומט פולקאם אויסגעשטאטעט מיט גרייטע עסן אויפן פלאץ, א פול אויסגעשטאטע "דעלי" און אזוי אויך אלע אנדערע צוגעהערן, סיי פאר נאכטמאל דורכאויס די וואך און סיי מיט אלע סארטן פראדוקטן און מאכלים פאר שבת ויום טוב.

דער געשעפט איז קווארטירט ביי די אינטערסעקשאן פון מאונטען ראוד און רוט 208, און ווי ביי אלע אנדערע פראיעקטן דאהי איז צוגעשטעלט פארקינג בהרחבה גדולה צו די באקוועמליכקייט פונעם ציבור.

**ויאכלו ענוים וישבעו!**






**עס איז דא א מנין מנחה אין פלייש געשעפט טעגליך 15 מינוט בעפאר זמן ר"ת**

# דעפארטמענט אוו פובליק ווארקס פארברייטערט עקזיסטירנדע גאראזדש

די ווילעדזש פובליק ווארקס האט אויסגעברייטערט דעם גאראזדש אויף איבער דאפעלט די גרויס צו אויפהאלטן דעם מעקעניק שאפ, אלע אפאראטן, טראקס און אנדערע עקוויפמענט פאר די פובליק ווארקס דעפארטמענט ביים ווילעדזש הויפטקווארטיר אויף רוט 208.

די גאראדזש איז געבויעט געווארן דורך די CSB קאנסטרוקציע פירמע, וואס זיי זענען אין קאנטראקט צו שארן די שניי דאהי, די קאסטן פון די קאנסטרוקציע קומט פולקאם פריי פון אפצאל פאר די שטייער צאלער, וויבאלד דאס איז א תנאי אלס טייל פון זייער צען יאריגן קאנטראקט וואס די פירמע האט באקומען צו שארן די שניי אינעם ווילעדזש, אז זיי ברויכן בויען א גאראדזש פאר די דעפארטמענט אויף זייער אייגענע קאסטן, וואס איוסער וואס די ווילעדזש ברויך נישט באצאלן פאר די קאנסטרוקציע, בלייבט די



גאראדזש אונטער די ווילעדזש אייגנטום, ווען דער קאנטראקט לויפט אפ.

# דרכי יושר באס פירמע וועט אינסטאלירן GPS טרעקינג

אין די פארגאנגענע וואכן איז פארגעקומען עטליכע פראדוקטיווע זיצונגען מיט די דרכי יושר באס פירמע, אזוויי עס איז איינגעפירט זיצן די יו. דזשעי. סי. עסקנים רעגלמעסיג מיט די טראנספארטאציע פירמע, איבערצוגיין ענינים העומדים על הפרק און זיכער צו מאכן אז די טראנספארטאציע פארט געשמירט.

דרכי יושר איז אנטקעגן געקומען דעם פארלאנג פון די עלטערן טראץ די קאסטן, און וועט אינסטאלירן GPS אפאראטן אויף אלע באסעס, בכדי די עלטערן זאלן קענען פונקטליך מיטהאלטן ווי די באסעס האלטן און ווען עס קומט אן.

עס איז פארהאן כהיום פילע אפציעס פון אלע סארטן אפאראטן און סיסטעמען אויף די מארקעט, די פירמע האט זיך אריינגעלייגט צו באקומען די בעסטע אפציע וואס איז פארהאן לויט




דעם היגן געברויך, עס זאל זיין צו די צופרידענהייט פון סיי די עלטערן און סיי פאר די דיספעטשער און די פירמע.

די ארבעט פון די ריסוירטש, קאסטומיזירטע פראגראמירונג, די אינסטאלירונג און די טעסטינג פאזע, וועט נעמען א שטיק צייט, מיר וועלן ווי שטענדיג האלטן דעם עולם אינפארמירט ווען עס גייט אריין אין אפעקט.

United Jewish Community
of Blooming Grove
Est. 2019

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org


WASHINGTONVILLE CENTRAL SCHOOL DISTRICT
52 West Main Street, Washingtonville, New York 10992
PHONE 845.497.4000 • FAX 845.497.4030 • www.wcsdk12.org

Larry Washington, Ed.D., *Superintendent of Schools*
Sandra A. Clohessy, CPA, *Assistant Superintendent for Business*
Paul Nienstadt, *Assistant Superintendent for Operations and Safety*
Marguerite Fusco, *Assistant Superintendent for Curriculum and Instruction*
Lynn Imperato, *Assistant Superintendent for Human Resources*
Stephanie Bryan, *Director for Pupil Personnel Services*
Joseph Catania, *Director of Data Management and Technology*

January 23, 2025

**Dear Parents and Guardians of Non-Public School Students,**

